# צום פינטל

גליון כא

פרשת צו-שבת הגדול תשפ"ג

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים


## פרשה-מועדים

## תשביתו בשב ואל תעשה

### תשביתו - צישטערן

שטייט אין פסוק (שמות יב טו) "אך ביום הראשון תשביתו שאר מבתיכם וגו'", 'תשביתו' טייטשט 'צושטערן' (אזוי ווי דער רבי פלעגט טייטשן אין חדר), רש"י (פסחים ד ע"ב) איז מסביר אז 'צושטערן' מיינט מבטל זיין די חמץ אין הארץ, צושטערן אין הארץ. תוספות (שם ד"ה מדאורייתא בביטול) וויל זיך קריגען אז 'צושטערן' מיינט דורעך 'שריפה' (און 'מבטל' זיין ווייסט מען מסברא, אזוי ווי 'הפקר').

אבער די ראשונים נעמען זיך אהן פאר רש"י אז 'צושטערן' מיינט אין הארץ, ווי דער הייליגער רמב"ן (חדושי הרמב"ן פסחים ד ע"ב) זאגט אז דאס איז די משמעות פון די לשון 'תשביתו' איז ענדליך צו די פסוק 'ולא תשבית מלח ברית', אדער 'שבת', און נאך פארשידענע ראיות וואס מ'זעט אז 'השבתה' איז א לשון ביטול, און אזוי טייטשט אויך די אונקלס, 'תשביתו' - 'תבטלון'.

און אזוי גייט אויך דער ר"ן (בריף תחילת פסחים) אז 'תשביתו' מיינט 'ביטול', און דאס איז אויך די שיטה פונעם רמב"ם וואס שרייבט (הלכות חמץ ומצה פרק ב ב) "ומה היא השבתה זו האמורה בתורה, היא שיבטל החמץ בלבו, ויחשוב אותו כעפר, וישים בלבו שאין ברשותו חמץ כלל, ושכל חמץ שברשותו הרי הוא כעפר, וכדבר שאין בו צורך כלל".

### השבתה והפסקה

מ'וועט עס גוט פארשטיין מיט דעם וואס די מדקדקים זאגען (ספר הכתב והקבלה שמות פרק יב פסוק טו) אז ס'איז דא א חילוק צווישן 'תשביתו' און 'תבערו' (כמו 'בערתי הקדש'), 'תבערו' מיינט מבער זיין בקום ועשה, במעשה ובפעולה, און 'תשביתו' מיינט ב'שב ואל תעשה', דורעך הפסקה שלילה און מניעה. 'תשביתו' מיינט אז מ'איז מפסיק דאס וואס איז געווען ביז יעצט, ביז יעצט איז די חמץ געשטאנען לאכילה והנאה, און יעצט סטאפט מען עס, ס'ווערט אויס דאס וואס איז געווען ביז יעצט, און דאס גייט אהן קיין שום מעשה נאר מיט'ן שולל זיין אליינס.

און ער איז מאריך ווי מ'זעט עס אין די פסוקים, ס'שטייט אין פסוק 'וישבות

המן', א גאנצע וואך איז געווען ירידת המן, און שבת האט זיך עס געסטאפט, ס'שטייט 'והשבתם אותם מסבלותם', ענק וועלן זיי מבטל זיין פון זייער ארבעט, שולל זיין און מפסיק זיין, ס'שטייט 'ולא תשבית מלח מעל מנחתך', ס'זאל זיך נישט אויפהערן די זאלץ, און אזוי אסאך דאס גלייכן. און אזוי זענען די לשונות 'ישב' זיצען און סטאפען טוהן, 'שובב' כמו 'וילך שובב בדרך לבו', ער ריפט אויס א 'שביתה', ער פאלגט נישט זיין טאטע און זיינע מדריכים, ער גייט זיך שובב בדרך לבו, עיין שם באריכות.

אויך די מלבי"ם (שמות פרק יב פסוק טו, אילת השחר כלל תס"א) איז אזוי מבאר אז


**ס'איז מוכרח אז 'תשביתו' ארבעט דורעך 'העדר פעולה', דורכען נישט טוהן, ווייל טאמער דארף מען טוהן א פעולה בקום ועשה, איז דאס בהיפך פון די גאנצע מושג 'תשביתו', די דערהערסט עפעס נישט ווי שטארק די חמץ האט בכלל נישט קיין מציאות**


'שבת' איז מפסיק זיין בשב ואל תעשה, עפעס וואס איז געווען ביז יעצט (הפסק דבר המתמיד), וואס דאס מיינט בהכרח אז ס'איז א ביטול בלב, א ביטול אין הארץ, אזוי ווי 'וישבות מכל מלאכתו' וואס ס'מיינט די מניעה, ער האט גומר געווען אין זיין הארץ נישט מער צו טוהן א מלאכה. און דאס איז אויך פשט ביי חמץ וואס שטייט 'תשביתו' און ס'שטייט נישט 'תבערו'.

און אזוי איז אויך מבאר דער אמונת משה פון אלכסנדר (סימן ו) אז ס'איז פשוט נישט שייך צו לערנען אנדערשט, ס'איז מוכרח אז 'תשביתו' ארבעט דורעך 'העדר פעולה', דורכען נישט טוהן, ווייל טאמער דארף מען טוהן א פעולה בקום ועשה, איז דאס בהיפך פון די גאנצע מושג 'תשביתו', די דערהערסט עפעס נישט ווי שטארק די חמץ האט בכלל נישט קיין מציאות. דאס גופא איז דאך די גאנצע עבודה פון 'תשביתו' אז ס'זאל זיין ווי א גארנישט, איז ווי מער מ'האט נישט קיין אחיזה אין דעם, ווי ווייניגער מ'מאכט א עסק פון דעם איז בעסער.

וז"ל "ענין שב ואל תעשה הוא, שמקיים המצוה בהעדר הפעולה, שהדבר יהא מושבת, וא"כ כשנשים על לב ענין הביטול בלב, שהוא תשביתו האמור בתורה לדעת רש"י, אין לך העדר פעולה יותר מזה, שהרי אינו עושה מאומה, אלא מבטלו בלבו ודיו, ואדרבה עיקר הביטול הוא שמסיר דעתו ומחשבתו מהחמץ שיהא אצלו כעפר, ואיך שייך לומר - שהביטול בלב, שכל עצמו בהעדר הפעולה והוא רק הסרת והעדר המחשבה והדעת מהחמץ, - שנייחס למצוה זו בקום ועשה, ולא לשב ואל תעשה, והרי הוא מתאמץ שלא יהא לו שום אחיזה בחמץ אף במחשבה, ואין לך שב ואל תעשה גדול מזה, והבן" (עי' שם מה שמאריך בזה).

### מדרבנן המצוה בקום ועשה

דאס אלעס וואס איז געווארן נתבאר איז מן התורה, אבער די חכמים האבן מתקן געווען אז מ'מוז דוקא מבער זיין די חמץ, דורעך שריפה אדער זורה לרוח ומטיל לים. דאס הייסט אז על פי די חכמים איז יא די מצוה בקום ועשה, און אזוי איז די מנהג כלל ישראל, צו מאכן זיכער אז מ'האט חמץ און מ'איז עס מבער, און מ'פירט זיך אויך מחמיר צו זיין ווי ר' יהודה צו מאכן דוקא שריפה (כמבואר בסימן תמ"ה).

און אזוי זעהט מען אויך די מנהג ביי בדיקת חמץ ביינאכט, אז מ'לייגט ארום צען ברעקלעך צו מאכן זיכער אז מ'טרעפט חמץ, לכאורה אויב ס'איז טאקע נישט דא קיין חמץ אין הויז, איז וואס זיך איך זיך צו טרעפן חמץ, אויב 'תשביתו' מיינט אז די חמץ זאל נישט זיין קיין מציאות, איז דאך לכאורה אסאך בעסער אז מ'גייט מיט מיט דעם אז ס'איז נישט דא קיין חמץ, פארוואס זיכט מען זיך אונטערצולייגען די חמץ. אבער למעשה זעהט מען אז אזוי פירט מען זיך, די מנהג איז מקיים צו זיין די מצוה דוקא באופן 'קום ועשה', מ'וויל דוקא טרעפן חמץ און גיין ספעציעל מבער זיין בקום ועשה ממש. און דאס איז מכלל די תקנת חכמים זיך נישט צופארלאזן אויף ביטול נאר מ'דארף


המשך בעמוד האחרון

### • בין אדם לחבירו ובין אדם למקום

אז א יוד איז נזהר אין כיבוד אב ואם, שטעלט עס אים אין פלאץ אין אלע ענינים, בין אדם למקום, בין אדם לחבירו, ס'שטעלט זיין נפש אין פלאץ, ווי אסאך האבן שוין עדות געזאגט אז נזהר זיין אין 'כיבוד אב ואם' מיט אן אמת, שטעלט אוועק די אייגענע נפש ריכטיג. כיבוד אב ואם איז די נקודת החיים פונעם נפש, ס'שטעלט אוועק די נפש שטארק און געזונט.

כיבוד אב ואם איז א מצוה ש'בין אדם לחבירו', צווישען די קינדער און די עלטערן, אין די טעם המצוה איז וועגן הכרת הטוב, אזוי ווי דער הייליגע חינוך (מצוה לג) איז מבאר דעם טעם. אבער טיפער געזאגט איז עס אויך א מצוה ש'בין אדם למקום', און דאס איז מכח די מורא'דיגע 'ביטול' וואס ס'איז דא ביי דערהערן די מצוה פון כיבוד אב ואם, ער דערהערט אז ער איז ממש א גארנישט אנטקעגען זיינע עלטערן, ער איז ווי טיפה, ווי א ברעקל, אנטקעגין זיי, וואס די דאזיגע שטארקע ביטול איז א ענין פון 'בין אדם למקום' כמו שיתבאר (עי' מנחת חינוך שם ג' שחקר בזה אם כיבוד אב ואם היא בין אדם לחבירו או בין אדם למקום).

**אז**
**א יוד איז נזהר אין כיבוד אב ואם, שטעלט עס אים אין פלאץ אין אלע ענינים, בין אדם למקום, בין אדם לחבירו, ס'שטעלט זיין נפש אין פלאץ, ווי אסאך האבן שוין עדות געזאגט אז נזהר זיין אין 'כיבוד אב ואם' מיט אן אמת, שטעלט אוועק די אייגענע נפש ריכטיג**

ס'איז דא א גרויסע נפקא מינה צווישען מצוות שבין אדם למקום, און מצוות שבין אדם לחבירו, ביי מצוות שבין אדם לחבירו פארלאנגט זיך נישט אז די זאלסט ווערן אינגאנצן בטל פאר יענעם, אדרבא 'חייך קודמין', מעגסט דיך אלץ מקדים זיין פאר יענעם, בעיקר קענסטו זיין פארנומען מיט דיינע הצלחות, נאר פון די זייט העלף אויך צו אביסל א צווייטן, געב אביסל אראפ, מעשר - חומש, אביסל געלט אביסל צייט, און געב אויך אכטונג נישט אריינצוגיין אין יענעמס גבולות, ב'גזל' אים נישט וכדומה. אבער נאך אלעס, דיין אייגענע מציאות איז פאר אלעמען, צום ערשט דארפסטו אכטונג געבן אז די אליינס זאלסט זיין מסודר, און דערנאך קומט ארויסצוגיין העלפן א צווייטן.

דאס איז אלץ ביי מצוות שבין אדם לחבירו, אבער ביי מצוות שבין אדם למקום דארט איז אינגאנצען אנדערשט, דארטן פארלאנגט זיך יא אז מ'זאל ווערן אינגאנצן בטל, זיך לייגען אינדערזייט אינגאנצן, א יוד דארף מסדר זיין די טאג זיינער אלעס לפי די רצון ה', ער דארף אויסשטעלן זיין לעבן פונקטליך לפי די רצון התורה, ס'פארלאנגט זיך א מורא'דיגע ביטול, אוועקגעבנדיג אלעס כדי מיט צו גיין מיט די רצון ה'. און ס'איז מיט רעכט, ווייל אנטקעגען דעם אייבערשטען איז דאך דער מענטש 'א גארנישט', ער איז נישט 'קיים' בכלל, ער האט דיך דאך באשאפן, ער האט דיך אהערגעשטעלט פון אנפאנג ביזן סוף, ממילא אנטקעגען אים, האסטו נישט קיין שום אייגענע מציאות.

יעצט, ביי 'כיבוד אב ואם' איז דא די ביידע ענינים, פון איין זייט איז עס אזוי ווי אנדערע מצוות ש'בין אדם לחבירו', ער קוקט אהן זיינע עלטערן ווי זיי זענען פאר זיך, און ער איז פאר זיך, און ער האט געוויסע התחייבות'ן צו זיי, ער האט א התחייבות ארויס צו ברענגען א הכרת הטוב צו זיי מיט'ן זיי מכבד זיין, ער איז נישט מחויב אוועקצוגעבן פון זיין אייגענע געלט, ער דארף נאר ארויסווייזן כבוד און שעצונג און ארויסצוברענגען זיין הכרת הטוב, און אנדערע ווערטער זיין א נארמאלע מענטש און נישט קיין חיה רעה.

אבער דאס איז אלץ א בעל בת'ישע בליק אויף כיבוד אב ואם, אבער פון די אנדערע זייט דערהערט מען ביי כיבוד אב ואם, אז די ביסט ממש א 'גארנישט' קעגען די טאטע און מאמע, די ביסט ממש א טראפ, א ברעקלע, אנטקעגען זיי, ווען נישט זיי וואלסטו דאך נישט געווען 'קיים' בכלל. וואס דאס שרייט שטארק ארויס די מורא'דיגע 'ביטול' וואס איז דא ביי מצוות 'כיבוד אב ואם', וואס דאס ברענגט שוין יא ארויס אזא ענין ווי ביי מצוות ש'בין אדם למקום'.

מ'טרעפט צומאל מענטשן וואס דרייען זיך ארום מיט חשבונות אויף זייערע עלטערן, און אפילו ערנסטע חשבונות, ווי אז די טאטע/מאמע האט זיי אמאל פארשעמט אדער בעול'ט וכו'. אבער די אלע חשבונות וואלט זיך אפשר געפאסט מצד 'בין אדם לחבירו' וואס איז דא ביי כיבוד אב ואם, מצד הכרת הטוב, מצד דעם קען מען אפשר הערן אז אויב איך בין געווארן ב'עול'ט זאל איך נישט דארפן מכיר טוב זיין. אבער מצד כיבוד אב ואם ש'בין אדם למקום', פאסט זיך נישט די אלע חשבונות, ווייל אויב אהן זיי וואלסטו בכלל נישט געווען א מציאות, איז וואס איז שייך צו מאכן חשבונות פון קליינינגקייטן, אז די דערהערסט די שורש אז אהן זיי ביסטו נישט 'קיים' בכלל, איז וואס איז שייך צו חשבונ'ן וועגן ווערן ב'עול'ט וכדומה (למעשה אז מ'איז געווארן ווייגעטון, זענען למעשה די פילינגס נישט מסודר, אבער קודם איז גוט צו דערהערן א לעכטיגקייט פון דערווייטנס).

### • כיבוד אב ואם ביי ר' חיים קנייבסקי זצ"ל

יעצט לאמיר זעהן די דאזיגע גרויסע מצוה ביים גאון ר' חיים קנייבסקי זצ"ל על פי דעם ספר להדבק בדרכיו של ר' חיים קנייבסקי (חלק ב' דף 381), דארטן האט ער א גאנצע פרק אויף כיבוד אב ואם פון ר' חיים זצ"ל, זאגט ער דארט (אויף דף 389) אז די ארחות חיים להרא"ש (אות נו) שרייבט 'זיי מכבד דיינע עלטערן כפי יכלתך כל ימיהם', און אין די הגהות פון ר' חיים זצ"ל (שם) ברענגט ער אראפ די ווערטער פון תנא דבי אליהו אז יעדער וואס זוכה ימים ושנים ועושר וכבוד וחיים ארוכים בעולם הזה ועולם הבא, חיים שאין להם סוף וקץ ותכלית, יעשה רצון אביו ואמו, ואין הקדוש ברוך הוא מבקש מהאדם רק שיכבד אביו ואמו,

און ער פארציילט דארט אז ווען מ'פלעגט אריינקומען צו ר חיים אז מ'וויל עפעס מקבל זיין א קבלה, פלעגט ער אלץ זאגען אז מ'זאל מקבל זיין 'כיבוד אב ואם', אז מ'האט מען אים געפרעגט פארוואס דוקא דאס, האט ער געזאגט אז אזוי שטייט אין ירושלמי (קידושין דף כב ע"ב) אויף די משנה אין ערשטן פרק 'כל העושה מצוה אחת מטיבין לו', זאגט די ירושלמי 'מה זה מצוה אחת כגון כיבוד אב ואם', דאס הייסט אז די מצוה אחת הידוע איז כיבוד אב ואם. איז ווען א יוד וויל מקבל זיין צו זיין נזהר אין א מצוה איז דאס כיבוד אב ואם.

פארציילט ער דארטן ווייטער אין די ספר 'להדבק', אז מהאט

המשך בעמוד האחרון

### מנהגים – פסח

פון די חשוב'סטע זאכן יום טוב פסח איז אודאי 'מנהגים', און הלכות פסח איז פארהאן פילע 'מנהגים', בפרט פון די הייליגע רמ"א, אנגעפאנגען אין סימן תכ"ט די מנהגים פון חודש ניסן, שפעטער די מנהג פון די צען ברעקלעך, און אין סימן תמ"ב די מנהג 'ישראל קדושים' אויסצורייניגען אפילו חמץ הדבוק, און אין סימן תמז די מנהגים לחומרא מיט די יורה דעה שאלות, ווי 'אינו בן יומו', 'ריחא', 'כלי שני' און נאך, וואס לפי די מנהג איז מען מחמיר פסח מער ווי א גאנץ יאר. און אין סימן תנא תנב אסאך מנהגים לחומרא ביים כשר'ן, מער ווי א גאנץ יאר, אין סימן תנג די מנהג לחומרא פון קטניות, לתותה, און חליטה, שפעטער אין סימן תסו אלע מאכלים וואס די רמ"א ברענגט אז מ'פירט זיך נישט צו עסן אין פסח מחשש חמץ, אויך יסודות ווי 'מחזיקין ריעותא' וואס מ'איז מער מחמיר ווי א גאנץ יאר, און שפעטער אלע מנהגים פון די סדר נאכט און פון די ימי הספירה, סך הכל, יום טוב פסח איז מנהגים, און מנהגים איז יום טוב פסח.

א אינטערעסאנטע זאך בענין מנהג איז, אז פרק 'מקום שנהגו' איז די יסודות פון 'מנהג', און דאס איז אין מסכת פסחים, אויך להלכה ווערט אסאך אראפגעברענגט אין הלכות פסח אין סימן תסח. באמת איז מבואר דארטן דיני מנהגים בכלל, נישט נאר וואס ס'איז נוגע צו פסח, מ'פאנגט אהן מיט די הלכות פון מלאכה בערב פסח, און מ'פארט אריין אין עניני מנהג בכלל. על כל פנים ס'איז אינטערסאנט אז דייקא פסח איז די פלאץ ווי עס ווערט נתבאר הלכות מנהגים בכלל.

באמת די יידען אין מצרים, נאך איידער מען האט מקבל געווען די תורה, האבן זיין שוין געהאט די כח פוון מנהגים, זיי האבן געהיטן במסירת נפש אויף די מנהגים וואס זיי האבן מקבל געווען פון די אבות הקדושים, ווי די חז"ל זאגען אז 'שלא שינו שמם לשונם ומלבושם', זיי האבן מקיים דעם 'אל תיטוש תורת אמך' נישט משנה צו זיין פון די מסרות אבות.

### בירור והנהגה

ס'איז דא צוויי וועגען מכריע צו זיין ספיקות אין הלכה, ס'ווערט אנגערופן ביי די לומדים 'בירור' און 'הנהגה', 'בירור' מיינט אז מ'איז באמת מברר די זאך, למשל דורעך עדים וכדומה, און 'הנהגה' מיינט אז מ'איז מכריע די זאך דורעך כללים, די כלל און די הנהגה איז מכריע צו זיין אזוי און אזוי, ווי למשל 'חזקה', וואס אסאך האלטן אז ס'איז נישט ממש א 'בירור', ס'איז מער א 'הנהגה', היות מ'ווייסט נישט די מצב, מ'ווייסט נישט די דין, גייט מען מיט א הנהגה צו שטעלן די זאך אויף חזקה וואס ס'איז די מערסטע קרוב צום אמת.

ס'איז באקאנט אז איינער פון די שטערקסטע הכרעות ביי ספיקות איז 'מנהג', ווי ס'איז באקאנט פאר יעדער וואס האט נאר אביסל געלערנט 'הלכה' אז 'אין אחר מנהג כלום', יעצט, די הכרעה פון 'מנהג' איז דאך זיכער נישט קיין 'בירור', ס'איז זיכער נאר בגדר 'הנהגה', היות די זאך איז א ספק, און ביים עולם איז אנגענומען ווי איין צד, איז דאס די שטערקסטע הכרעה, אביסל א ענין פון 'אין ספק מוציא מידי ודאי' וכדומה, אז מספק קענסטו נישט גיין טוישן די הכרעה ביים עולם, ממילא ווערט דאס די הכרעה און הנהגה למעשה.

א 'בירור' איז דער כח האדם צו מברר די אמת פון א זאך, א 'הנהגה' איז א כח פון די טבע הבריאה, א משהו ענדליך צו 'חזקה', אז היות דער עולם איז שוין אזוי אייגעוואוינט, מ'איז איינגעוואוינט אז אזוי דארף מען טוהן, און ס'איז שווער זיי ארויסצושלעפן פון דעם, ס'איז שווער זיי ארויסצושלעפן פון וואס זיי זענען מוחזק צו טוהן.

דאס
קען זיין פשט פארוואס
ס'שטייט 'אל תטוש תורת אמך' און
נישט 'תורת אביך', ווייל 'תורת אביך' מיינט
די כח ה'בירור' מברר צו זיין די אמת פון די
זאך, וואס דאס באלאנגט מער פאר די טאטע,
אבער די כח פון הנהגה און 'מנהג' דאס
באלאנגט מער פאר די פרויען
'תורת אמך'

און באמת זענען די צוויי - בירור ומנהג - זענען א מורא'דיג סתירה, און ווען ס'איז דא א בירור טאר מען אודאי נישט גיין מיט די כח הנהגה, א בירור איז אסאך שטערקער ווי א הנהגה (ומה דאמרו 'מנהג עוקר הלכה' מתפרש בתמיה, ואין להאריך בדברי המג"א בסימן תרצ"ה), אבער ווען ס'איז נישט קלאר די בירור, דאן גייט מען מיט די כח פון הנהגה, מען לאזט זיך פירען ווי אזוי ס'פירט זיך, 'פוק חזי מאי עמא דבר', גיי ארויס פון בית מדרש, פון די מקום הבירורים, און גיי הער דיך צו ווי אזוי די עולם פירט זיך, ווי אזוי די הנהגה פון די 'עמך' יידען זענען, און דאס ווערט די הכרעה למעשה.

די כח ה'בירור' מיט די כח 'הנהגה' זענען בעצם צוויי שונאים, די כח ה'בירור' קומט פון א כח הדעת, און די כח 'הנהגה' איז פארקערט, מ'געבט אויף די כח הדעת און מ'לאזט פירען ווי די הנהגה, וואס דאס איז מער אזא סארט טבעיות'דיגע כח וואס מ'ווערט נמשך צו די 'יעדער', צו דאס וואס יעדער טוט, איז ווען די צוויי שלאגען זיך, איז ווילאנג די 'בירור' איז קלאר איז ער גובר, ווייל די כח הדעת איז אסאך שטערקער ווי די כח הנהגה, אבער ווען ס'איז נישט קלאר די כח הבירור, די כח הדעת ארבעט נישט, דאן קומט די כח הנהגה אריין גאר שטארק, די רגע וואס די 'דעת' איז אויסגעלאשן, איז די כח הנהגה על העליונה.

### אל תיטוש – ואין לשנות

די לשון הפוסקים ביי הכרעה און מנהגים איז 'כך נוהגים ואין לשנות', אדער ענדליכע לשונות צו דעם, ענדליך צו די לשון ביי מנהגים בכלל 'אל תטוש תורת אמך' (ווי די גמרא זאגט אנפאנג פרק מקום שנהגו כלפי מנהגים), נאר 'אל תטוש' וועט מען געווענטליך זאגען אויף מנהגים לחומרא, זיי נישט עובר אויף 'אל תטוש', און די אויסדריג 'כך נוהגים ואין לשנות' קען מען נוצן אפילו אויף לקולא, אז אזוי פירט מען זיך און מ'זאל נישט משנה זיין אפילו לחומרא.

ביי א 'בירור שכלי' איז נישט שייך צו זאגען דעם אויסדריק 'ואין לשנות', ווייל ס'איז תלוי לפי ווי אזוי די 'בירור' קומט ארויס, לקולא אדער לחומרא, אבער א 'מנהג' וואס דאס איז א כח הכרעה אהן קיין שכל, אהן קיין דעת, איז אויף דעם קען מען זאגען 'ואין לשנות'. די הכרעה איז העכער פונעם מענטש, העכער פון זיין כח הבירור והדעת, ס'איז נישט געוואנדן אין זיין מיינאונג, ס'איז תלוי אין די כח ההנהגה, איז ממילא טאר מען נישט משנה זיין, די האסט נישט די כוחות משנה צו זיין.

דאס קען זיין פשט פארוואס ס'שטייט 'אל תטוש תורת אמך' און נישט 'תורת אביך', ווייל 'תורת אביך' מיינט די כח ה'בירור' מברר צו זיין די אמת פון די זאך, וואס דאס באלאנגט מער פאר די טאטע, אבער די כח פון הנהגה און 'מנהג' דאס באלאנגט מער פאר די פרויען 'תורת אמך'. ווען די כח ה'בירור' איז מונח בספק, די 'תורת אביך' איז שוואכלעך, דאן זאג מען 'אל תטוש תורת אמך', האלט דיך צו די כח ה'הנהגה', צו די כח פונעם מאמען, ווען ס'איז נישט דא די טאטעס כח, גייט מען צו די מאמעס כח, ווען ס'איז נישט דא קיין כח הכרעה דורעך בירור, איז מען מכריע זיין דורעך הנהגה.

### מנהג ציבור וקהילה

ס'איז דא א מנהג פון א יחיד, אבער

המשך בעמוד האחרון

# פרשה-מועדים

המשך

ביעור ממש, און נאכדרצו מיט שריפה ווי עס דארף צו זיין, אזוי אז ס'זאל זיך פילען און געדענקן אין אלע ביינער.

- **מבער זיין די יצה"ר בקום ועשה אדער בשב ואל תעשה**

ס'איז ידוע אז חמץ איז מרמז אויף דער יצה"ר, די יצה"ר פון גאוה אדער אנדערע יצר הרע'ס, איז די שאלה ווי אזוי גייט מען צו צו דעם, מ'קען צוגיין אז דער יצה"ר איז נישט קיין מציאות בכלל, און אזוי ווי די ראשונים נעמען טאקע אהן די טייטש פון 'תשביתו', אז ס'איז העדר ושלילה, אדער קען מען צוגיין אז ער איז יא א מציאות, נאר יעצט מיט די כח פון בדיקת חמץ רוימט מען אים אויס, מ'מאכט א פעסטע בדיקה ביעור און שריפה, אזוי בקום ועשה, א ביעור כמו שכתוב.

איז לפי די דין תורה וואלט לכאורה אויסגעקומען ווי די ערשטע צד, אז די חמץ האט נישט קיין מציאות בכלל, איז די זעלבע זאך ביי די יצה"ר, די יצה"ר פארעכנט 'כעפרא דארעא', ער איז נישט קיין מציאות, אבער לפי די מצוה דרבנן און לפי ווי די מנהג, קוקט אויס אז מ'פירט זיך מער ווי די צווייטע צד, יא אויסצורוימען די חמץ בקום ועשה, יא אויסצורוימען די יצה"ר מיט'ן גאנצען טראסק, א בחינה פון 'למען ישמעו ויראו'.

אין פסח אליינס איז די בליק אז די חמץ האט נישט קיין מציאות בכלל, אבער 'ביפאר פסח' בשעת בדיקה און ביעור, דארט גיין מען אז די 'חמץ' איז יא א מציאות, נאר מ'איז אים מבער בעל כרחו, כאילו ווי מ'זאגט על אפו וחמתו אזוי ווי ס'איז געווארן נתבאר. איז אזוי איז אויך מיט'ן יצה"ר, 'אין פסח' האט ער נישט קיין מציאות כלל, אבער 'פאר פסח' ארבעט מען גאר שווער אים מבער צו זיין, פאר פסח קוקט מען יא אויף אים ווי א גאנצע מציאות, א מציאות וואס מ'דארף גוט קער נעמען, א שווערע פארשון וואס מ'דארף מבער זיין בכל התוקף.

# לומדים את רבי חיים

המשך

געפרעגט פון ר' חיים אויב מען האט פאר זיך מכבד צו זיין א כהן אדער א טאטע, ווער פון זיי איז פריער, האט ר' חיים געזאגט אז די טאטע איז פריער, האט מען געפרעגט, א טאטע איז דאך אויך מחיוב מכבד צו זיין דעם כהן, האט ער געענטפערט, כיבוד אב ואם איז פיקוח נפש ווי די פסוק זאגט 'למען יאריכון ימיך', ממילא איז דאס פאר אלעס, און אפילו אז מכבד זיין א כהן האט אויך א סגולה פון אריכות ימים, אבער ס'קומט נישט צו צו א טאטע וואס ס'איז א בפירוש'ע פסוק.

ער פלעגט פארציילט ווי ער האט געזעהן דעם הייליגען חזון איש לויפן אין א אויגען בליק, אויף צו מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אם, אויך האט ער פארציילט אז די הייליגע חזון איש פלעגט זיצען מיט זיין אלטע מאמע און שמועסן יעדן טאג א האלבע שעה, און די חידוש איז אז כאטש 'צייט' ביים חזון איש איז בכלל נישט געווען אזא ביליגע זאך, אבער כיבוד אם איז אים געווען טייערער ווי אלעס. און לייגענדיג דארטן זעהט מען ווי די מצוה האט געברענט דארט ביי די גרויסע לייט, און ווי ר' חיים אליינס האט זיך אויסגעדריקט אז ס'איז בדוק ומנוסה, אז אלע גדולי ישראל וואס זענען גאר שטארק אויפגעוואקסן, זיי זענען געווארן באמת גרויס, אז די וועסט קוקן וועסטו זעהן, אז זיי זענען געווען במיוחד זהיר אין די מצוה פון כיבוד אב ואם.

איז מ'וועט לאזען דעם עולם אליינס לייענען די שיינע מעשיות וואס ס'איז דא פון ר' חיים, ווי שטארק ער איז געווען נזהר אין די דאזיגע מצוה, ווי טייער זיין טאטע און מאמע זענען געווען ביי אים, אבער דער עיקר אז מ'פארשטייט ווי שטארק די דאזיגע מצוה איז די 'נשמת חיים' בעולם הזה ובעולם הבא, ס'שטעלט דעם נפש אויפן פלאץ ווי אפען און ווי פארמאכט צו זיין, ס'שטעלט אים אויפן פלאץ אין אלע הינזיכטן בין אדם למקום ובין אדם לחבירו.

# פסח

המשך

בעיקר איז די נושא פון 'מנהגים' ביי א ציבור צוזאמען, א מנהג פון א יחיד איז נאר אים אליינס מחייב (ס'איז אפילו נישט מחייב זיין זוהן, אזוי נעמען די אחרונים אהן, עי' פתחי תשובה יורה דעה סימן רי"ד), אבער א מנהג פון א קיבוץ פון מענטשן איז אלעמען מחייב, די גאנצע ציבור, און אפילו פאר זייערע קינדער נאך זיי. באמת איז דא אלע סארטן קיבוצים פון מענטשן, וואס ס'נעמט זיך צוזאם א קביצה און ס'פארמירט זיך א 'מנהג', ווי מ'טרעפט אין חז"ל מנהגי בורות - מנהגי נשים - מנהגי קטנים - מנהגי בעלי בתים - מנהגי תלמידי חכמים - מנהגי ותיקון, אזון אזוי ווייטער יעדער סארט קיבוץ פון מענטשן צוזאמען, דארף מען זעהן וואס די פוסקים זאגען אז ס'איז די כח המנהג דארטן.

די הלכה איז אז א מנהג האט אביסל א כח פון א 'נדר', די חתם סופר האלט אז ס'איז ממש א דין 'נדר דאורייתא', אנדערע האלטן אז ס'איז נישט א נדר ממש, ס'האט נאר א געוויסע כח פון א 'נדר'. דאס הייסט אז אזוי ווי א 'נדר' איז א כח וואס דער מענטש נעמט אויף זיך, און דערנאך איז עס שטערקער ווי אים זעלבסט, ער קען עס נישט מער ברעכן, ער איז שוין נישט דער בעל הבית דערויף (נאר דורעך א חכם), די זעלבע זאך איז אויך א 'מנהג', אז 'מנהג' וואס א כלל האט זיך איינגעפירט, זיי האבן זיך געפירט א שטיק צייט מיט א געוויסע הנהגה, יעצט איז שוין די הנהגה שטערקער ווי זיי אליינס, און זיי קענען עס נישט ברעכן נאר לפי די כללים אין הלכה (עי' הכללים בפרי חדש או"ח סימן תסח ובסימן תצו, וידוע המחלוקת אם אפשר להתיר מנהגי הכלל על ידי התרת נדרים).

## נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה


בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: shalomlangs@gmail.com

לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516

עיצוב: י.ב. +972-52-763-3424